בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

אחרי-קדושים




## וויאזוי ווערט מען א קדוש?

**וידבר השם אל משה לאמר**, און דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה און געזאגט: "**דבר אל כל עדת בני ישראל**, רעד צו די גאנצע אידישע געמיינדע, צו יעדן איינעם. מענער, פרויען, קינדער, גרים. און וואס זאלסטו זיי זאגן? זאגט דער פסוק ווייטער, **ואמרת אליהם**, און זאלסט זיי זאגן: **קדושים תהיו**, איר זאלט זיין הייליג, **כי קדוש אני ה' אלקיכם**, ווייל איך בין הייליג, השי"ת אייער גאט" (קדושים י"ט, א-ב).

וואס מיינט הייליג? פאר אונזערע קליינע מוחות איז "קדושה" א פארנעפלטע מושג. אויב מען וועט איינעם פרעגן וואס מיינט 'הייליג' וועט ער ווארשיינליך ענטפערן: "איינער וואס פאסט יעדן מאנטאג און דאנערשטאג און ער גייט פארבינדן די אויגן א גאנצן טאג!" טאקע זייער חשוב אבער דאס זענען 'יחידי סגולה'. הייליג וואס די תורה פארלאנגט פון יעדן איינעם איז גאר עפעס אנדערש.

מיר וועלן אריינקוקן אין די ספרים צו פארשטיין וואס הקדוש ברוך הוא האט געמיינט ווען ער האט געזאגט 'קדושים תהיו כי קדוש אני', איר זאלט זיין הייליג ווייל איך בין הייליג. מיר לערנען דא וואס הייליג מיינט, איר זאלט זיין אזוי הייליג ווי מיר, ד.מ. דאס מערסטע וואס א בשר ודם קען מיר נאכמאכן, און ווייל איך בין פערפעקט איז דאס וואס איך ערווארט פון אייך. אלע גרויסקייטן וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן און וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס איז דער אויבערשטער און דאס איז וואס ער וויל אז מיר זאלן זיין.

### קדושים תהיו - א מח שווענקונג

**דא** קומט אריין א גרויסע פראבלעם. ווי אזוי איז מעגליך נאכצומאכן דעם בורא כל עולמים וואס איז העכער אלע הימלען, און העכער וואס אונזער קורצע שכל קען באגרייפן? דער ענטפער איז, צו לערנען זיינע וועגן וואס ער האט פארגעשטעלט אין זיין הייליגע תורה, און זיך לערנען צו פירן אלע אונזערע געדאנקען און שאיפות נאך זיינע. "זיי הייליג ווי מיר", מיינט - טראכט ווי מיר. איר מוזט כסדר חזר'ן אז אייערע פערזענליכקייט ווענדט זיך אין אייער מח; איר זענט דאס וואס איר טראכט. דערפאר קען מען נאכמאכן דער אויבערשטנ'ס פערפעקשן, דורכ'ן נאכמאכן זיינע געדאנקען. און אלעס אין די תורה איז א ביישפיל פון דעם אויבערשטנ'ס געדאנקען. אויב איר ווילט זיין א קדוש זאלט איר חזר'ן די ווערטער פון השי"ת וואס ער אנטפלעקט צו אונז.

## "טראכט נאך מיר" זאגט דער אויבערשטער

**אויב** דער אויבערשטער האט איינגעקריצט דעם צלם אלוקים אינעם מענטש, דאן האבן מיר אונזער ארבעט אויסגעשטעלט, מיר דארפן זיך לערנען צו טראכטן ווי אים. אויב דער אויבערשטער באגערט גוטהארציגקייט (שמות ו. ל"ד; מיכה ז. י"ח) דאן דארפן מיר דאס אויך באגערן. און מיר ווייסן אז '**אלוקים של אלו שונא זימה הוא**', (סנהדרין ק"ו ע"א) דער אויבערשטער האט פיינט שענדליכקייט, דארפן מיר אום נאכטון און טרענירן אונזער מח אויף צניעות. ווען דער אויבערשטער זאגט אז **הארץ ומלואה**, איז **טוב מאוד**, (בראשית א. ל"א) דארפן מיר שפענדן אונזער לעבנ'ס טעג צו זען די גוטסקייט פון די וועלט. דאס איז דער כלל: "טראכט ווי מיר וועסטו זיין מער און מער א קדוש," זאגט דער אויבערשטער.

די אויבנדערמאנטעביישפילן איז נאר איינס פון אסאך וואס מען קען רעדן דערפון. איך האב נאר געברענגט עטליכע צו קענען אנהייבן די שיעור כדי צו פארשטיין ווי אזוי מען קען איינוואורצלען די די קדושה פונעם אויבערשטן.

## השי"ת טיילט מיט אונז זיינע דעות

**אין** די צוויי פרשיות וואס מען לייענט די וואך, טרעפט מען אז דער אויבערשטער פארבאט אונז איסורי עריות. אבער דער אויבערשטער באגנוגענד זיך נישט בלויז מיטן אונז פארבאטן און ארויסזאגן דעם שטראף, נאר ער נוצט פארשידענע שארפע לשונות און אויסדרוקן צו פארדאמען דעם אקט, וואו מיר זעען דורכאויס די פרשה.

דער אויבערשטער וואלט געקענט זאגן: "דאס און דאס איז וואס איך פארלאנג פון ענק", און מיר וואלט אים געפאלגט. מיר זענען א געטרייע פאלק וואס היט זיינע געבאטן. פארוואס דארפן מיר וויסן וואס דער אויבערשטער טראכט איבער די עבירות? אבער דער ענטפער איז א גרויסע "יא!" דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן פונקטליך וויסן וואס ער האלט פון די עבירות און וואס ער טראכט, ווייל ער וויל אז מיר זאלן טראכטן פונקט אזוי ווי אים. עס איז נישט גענוג אז מיר ווייסן אז איסורי עריות איז נישט ריכטיג, נאר ער וויל אז מיר זאלן זיין פאר'מיאוס'ט און פאראיבלט דערפון אזוי ווי אים. די אידן וואס זענען פארעקלט פון די דרויסענדיגע וועלט טראכטן אינאיינעם מיטן אויבערשטן, 'אלוקים אלו שונא זימה הוא', ער האט פיינט אומאיידלקייט. ער האט אנגעהויבן זיין עבודה פון קדושים תהיו, ער טראכט שוין אזוי ווי דער אויבערשטער טראכט.

## רבי עקיבא מיט טויטע נבלות

**וואס** איך זאג דא איז נישט מיין אייגענע חידושים, נאר וואס אונזערע גרויסע לייט פון אמאל האבן אויסגעטראטן דעם וועג. אין אבות רבי נתן (פרק ט"ז) טרעפן מיר א מעשה: רבי עקיבא איז אמאל ארויסגעפארן פון ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן קעניג פאר די טובה פון כלל ישראל. ביינאכט האט רבי עקיבא איבערגענעכטיגט אין א גאסט הויז פון שטאט. דער קעניג מיט זיין גוי'אישע קאפ האט פארשטאנען אז צו מכבד זיין דעם חשוב'ן גאסט דארף מען אים שיקן צוויי פרויען וואס זאלן אים באגלייטן איבער נאכט. אינדערפרי האבן זיך די פרויען אפגערעדט פארן קעניג אז דער מענטש איז א גאנצע נאכט געווען אויסגעדרייט צום זייט, און נישט אויפגעהערט צו ברעכן און שפייען שליים מיט איבל. אויף די פראגע פונעם קעניג פארוואס ער האט זיך אזוי אויפגעפירט האט ער געענטפערט: "וואס האב איך דען געקענט טון? זיי האבן געשמעקט ווי טויטע נבילות!"

רבי עקיבא האט געוויזן א סעמפל ווי דער אויבערשטער. ער וואלט געקענט זאגן זייער פשוט אז עס איז אסור צו זיין מיט פרעמדע פרויען אבער ער האט דוקא גענוצט לשונות פון עקל

אזוויי דער אויבערשטער נוצט אין די תורה. אויב רבי עקיבא וואלט יעצט דא געווען וואלט ער בעסער געקענט מסביר זיין ווי אזוי ער האט דאן געשפירט, אבער אזויפיל קען איך אייך זאגן, אז ער האט געשפירט פארעקלט און פאראיבלט.

## צו חזר'ן מאכט פערפעקט

**דער חובות הלבבות** לערנט אונז: "**המחשבה נמשכת אחר הדיבור**", אייער דיבור וועט אויפוועקן אייערע אינעווייניגסטע געפילן. אויב איר ווילט טראכטן ווי דער אויבערשטער, איז דער ערשטע טריט נאכצוזאגן און איבער'חזר'ן דאס מערסטע וואס איר קענט, די געדאנקען פונעם אויבערשטן. ווי מער איר וועט עס איבער'חזר'ן אלץ מער וועט איר טראכטן ווי אים.

רבי עקיבא וואלט נישט געבראכן א גאנצע נאכט אויב דאס וואלט נאר געווען א געבאט פון די תורה. נאר ווען רבי עקיבא האט פארשטאנען וואס דער אויבערשטער טראכט אויף א זונה, האט ער געטון אלעס וואס איז געווען אין זיין מעגליכקייט דאס ארייינצואווארצלען אין זיינעביינער. ער האט גערעדט פון עבירות און זינדיגערס מיט אזא פאראיבל, אז ער האט געשפיגן אויף דער ערד ווען ער האט געטראכט פון אומריינע זאכן, ער האט געארבעט שווער אז קדושים תהיו זאל זיין א חלק פון זיין וועזן. רבי עקיבא האט זיך טרעינירט צו טראכטן אזוויי דער אויבערשטער. אלעס וואס איז נישט געווען גוט אין די אויגן פון אויבערשטן האט געשמעקט צו אים ווי טויטע נבילות.

## ארייינאטעמען די "געשמאקע" ריח פון טויטע נבילות

**רבי** עקיבא האט פארשטאנען אז אויב דער אויבערשטער זאגט אז עבירות זענען איבלדיג מוז ער דערגיין וואס דאס מיינט אויף למעשה. און אויב דער אויבערשטער האט אים ארייינגעלייגט אין די שווערע וועלט פון נסיונות, דארף ער טון אלעס וואס איז אין זיין מעגליכקייט צו דערגרייכן א ריינער מח. און ס'איז נישט קיין ספק אז רבי עקיבא האט אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט וואס איז אים אונטערגעקומען זיך צו איבן זיין מח. אויב ער איז פארבייגעגאנגען א טויטע נבילה וואס האט געשימלט ביי דער זייט פון די וועגן, איז ער נישט אריבערגעגאנגען מיט די הענט אויף די נאז נאר איז ער צוגעגאנגען נאנט און ארייינגעאטעמט די פיינע ריח פון די ווערים און באצילן, אז ער זאל וויסן ווי אזוי אן עבירה שמעקט. און ווען עס איז אים אונטערגעקומען אן עבירה האט ער פונקטליך געוואוסט ווי אזוי א נבילה זעט אויס און ווי אזוי עס שפירט, אז ער האט געקענט פארברענגען די נאכט איבלדיג און ברעכנ'דיג, זיין מח איז שוין געווען גרייט פאר קדושה פון פאראויס.

שטעלט אייך פאר אז איר גייט אין גאס אין א הייסע זומער טאג און איר באגעגנט א טויטע קאץ ליגן אויסגעצויגן ביי דער זייט. דער קאץ ליגט שוין דארט עטליכע טעג פארשימלט מיט פליגן און שרצים אויף דעם. ס'איז אן אומאנגענעמער סצענע און איר ווילט אויסדרייען אייער קאפ און פארקירעווען אייערע פוס טריט צו דער אנדערע זייט גאס. ניין, טוט דאס נישט. פארפאסט נישט די געלעגענהייט זיך איינצו'חזר'ן דער ריח פון אן עבירה. ווייל אויב די תורה זאגט אז אן עבירה איז פאר'מיאוס'ט דארפט איר וויסן ווי אזוי א מיאוס'ע זאך שפירט. ווייל וויפיל איר וועט פרובירן צו מאכן די תורה געדאנקען א חלק פון אייער מח וועט איר נישט אזוי מצליח זיין ווי צו נוצן די פיזישע וועלט פאר א ביישפיל.

ווען איר דערנעטערט זיך צו דעם טויטע נבילה, זאלט איר געבן א טיפער אטעם און ארייינשמעקן איר גרויליגע ריח. "אך, אזוי שמעקט אומריינע זאכן," זאלט איר זאגן. פונקט אזוי

שמעקן די אלע שמוציגע מענטשן וואס פאראומריינינגן אונזערע גאסן. די זכרים און נקיבות וואס לעבן אין אן אוממוראלישע לעבנס שטייגער זענען ווי טויטע נבילות. דער קלוגער מענטש וואס טראכט ווי דער אויבערשטער ווייל קדושים תהיו כי קדוש אני, ער איז הייליג אזוויי דער אויבערשטער ווערט פאר'מיאוס'ט פון עבירות. ער וועט מאכן די צוזאמשטעל אין זיין מח אז די צוויי מיאוס'ע זאכן גייען אינאיינעם.

אפילו אויב די אומריינע זאכן שמעקט פון רויזן זאלט איר וויסן קלאר אז דאס שטינקט פון א שמוציגע מיסט קאסטן. ווען איר גייט פארביי א פאלאזטע מיסט קאסטן זאלט איר אריינאטעמען אירע פארפעסטעטע לופט ביז עס וועט אריינדרונגען אין אייער מח.

## די געשמאקע ריח פון א ישיבה בחור

**די** עבודה פון קדושים תהיו גייט ווייטער אן קיין סוף. איר זאלט זיך איינגעוואוינען צו דער געשמאקער ריח פון ערליכע אידן. ווען איר גייט פארביי א ישיבה בחור זאלט איר זיך פארשטעלן ווי איר שמעקט רויזן. די גמרא זאגט: **'עתידין בחורי ישראל שיתנו ריח טוב כלבנון'**, די אידישע בחורים וועלן שמעקן א גוטע ריח ווי די וועלדער פון לבנון (ברכות מ"ג ע"ב).

עס וועט קומען א טאג ווען די מענטשהייט וועט אנערקערקען די אמת'ע שיינקייט פון דער וועלט. מען וועט קלאר זען וואס איז שיין און וואס איז מיאוס. די געלערנטע מיט די ערליכע אנצוגן און געפוצטע שיך זענען מיאוס. ס'איז שווער צו זען דעם אמת נאר אויב מען ארבעט אויף דעם.

פאר זיבעציג יאר צוריק בין איך געגאנגען אויף 'באערי' גאס ווען עס איז מיר אנטקעגן געקומען אן אנגעטרינקענער גוי. עס איז געגאנגען א געפערליכע ריח פון אים אז מען האט נישט געקענט שטיין אין זיינע ד' אמות אן צו לייגן די הענט אויף דער נאז, און דער שמוציגע גוי האט געשריגן אויף מיר אין ענגליש: "שמוציגע אידו!" (דורט"י דזש"א)

ס'איז געווען א פרייער מענטש וואס איז געווען איינע פון די שישקעס פון די עיפע"ק {די איזראעלי פאליטישע פאראיין אין אמעריקע}. ער האט געמאכט א סטעיטמענט אז ער איז נאך קיינמאל נישט געווען אין ברוקלין ווייל ער האט נישט ליב די ארטאדאקסן, די חרדים, ווייל זיי שמעקן... דער שמוציגער מענטש זאגט ווער ס'שמעקט...

אויב איר ווילט זיין א קדוש דארפט איר וויסן ווי אזוי צו שמעקן קדושה. נוצט אייער מח און הארץ צו שמעקן ערליכע אידן און שפירן דעם זיסן ריח וואס הקדוש ברוך הוא שפירט! יעדער ראש ישיבה זאלן שפירן אין זיינע בחורים ווי זיי זענען א גארטן פון געשמאקע בלומען. און ווען איר גייט פארביי א ערליכע גארטן זאלט איר אריינאטעמען די געשמאקע ריח און עס לאזן שפירן אין אייער גאנצע וועזן ווען איר מומלט זיך אונטער: "אה, אזוי שמעקט אן ערליכער איד!"

## דער סוד פון קטורת

**דער** כהן גדול איז אנגעזאגט געווארן אז ער מעג אריינגיין אין די קדשי קדשים נאר מיט די קטורת. ווי עס שטייט אין פסוק, **'כי בענן אראה על הכפרות'**, (אחרי מות ט"ז, ב). און דאס איז ער אנגעזאגט געווארן מיט די שטרענגסטע ווארענונג מיט די שטראף פון מיתה. דער עיקר עבודה אין די קדשי קדשים וואו דער כהן גדול איז אריין נאר איינמאל אין יאר, איז געווען דאס פארברענען די קטורת וואס איז געווען א צוזאמשטעל פון אנגענעמע ריחות. וואס איז אזוי וויכטיג פון די קטורת?

איך קען אייך נישט זאגן אלע סודות פון די קטורת, איין זאך קען איך אייך אבער יא זאגן: איינע פון די טעמים פון די וויכטיגע אנזאג איבער די הארבקייט פון די קטורת אין קדשי קדשים

איז, צו באקומען די געפיל און רעספעקט פארן אנוועזנהייט פונעם אויבערשטן. דער רמב"ם אין מורה נבוכים (פרק מ"ה) איז מסביר דעם ענין: "אונזער הארץ שפירט זיך דערהויבן אין די אטמאספער פון אן אנגענעמער ריח. דער ריח פון קטורת איז געמאכט געווארן צו פראדוצירן א כבוד צו די הייליגקייט פון די בית המקדש, און ווי אויך א מורא צום אויבערשטן. ווען איינער איז אריינגעקומען צום הייליגן ארט, האבן זיך אויפגעוועקט אין אים געוויסע עמאציאלע געפילן וואס האט ווייך געמאכט זיין הארץ מיט הכנה."

מיר זעען פון דעם אז אפילו די הייליגסטע פלאץ פון די גאנצע וועלט, אין די הייליגסטע טאג פון די גאנצע יאר, דארף מען די הילף פון די פיזישע געפילן צו ערוועקן דער מח. טראץ דעם וואס דער כהן האט זיך געגרייט בקדושה וטהרה צו דעם הייליגן מאמענט האט מען געמוזט צושפרייטן אן אנגענעמע ריח צו דערהויבן די הייליגע כוונות פון דעם כהן גדול נאך מער. דער אויבערשטער וויל אונז לערנען צו ניצן די געפילן צו פארעמען דעם מח אזוי ווי ער ערווארט פון אונז.

איך וועל אייך דערציילן ווי וויכטיג די קטורת איז געווען ביי די עבודה פון בית המקדש. יעדן טאג זענען זיך די כהנים צוזאמגעקומען, און מען האט געווארפן א גורל ווער ס'וועט זוכה זיין צו טון די פארשידענע עבודות דעם טאג אין בית המקדש. און ווען ס'איז געקומען צו צוטיילן דער עבודה פון קטורת האט נאר איינער וואס האט נאך קיינמאל נישט זוכה געווען צו טון די עבודה געמעגט אריינגיין אין גורל, 'חדשים לקטורת', נאר די נייע כהנים האבן געקענט מאכן די קטורת. די אנדערע עבודות האט מען געמעגט טון וויפיל מאל עס איז אויסגעקומען, אבער די קטורת האט מען זוכה געווען נאר איינמאל אין לעבן. אויב איר וועט פרעגן איינעם וואס איז דער גדולה פון די קטורת וועט מען אייך זאגן אז ס'איז א סגולה צו עשירות. קען זיין טאקע, אבער איך וועל אייך זאגן אז די גרעסטע עשירות איז ווען א מענטש קען קונה זיין שלימות אין זיין דעת.

## נישט נאכמאכן די קטורות

**די** קטורת האט געהאט א ספעציעלע דין: '**איש אשר ירקח כמוהו ואשר יתן ממנו על זר ונכרת מעמיו**' (כי תשא שם), א מענטש וואס וועט פארמישן אזוויי די קטורת, און אויב איינער וועט געבן פון די קטורת אויף א פרעמדן, ווערט ער פארשניטן פון זיין פאלק. יעדער וואס פרובירט נאכצומאכן די קטורות איז חייב כרת, פארוואס באקומט מען אויף דעם אזא הארבע שטראף?

דער רמב"ם (מורה נבוכים) איז מסביר פארוואס ס'קומט זיך אזא הארבע שטראף. די ספעציעלע ריח מעג געשמעקט ווערן אין הייליגן בית המקדש. ווען איר קומט אריין אינעם הייליגן ארט און איר שמעקט דעם אנגענעמע ריח וואס איר שמעקט נישט ערגעץ אנדערש, ברענגט דאס כבוד צו דער בית המקדש. די קערפער פאראייניגט זיך מיט דער מח צו אנערקענען די גרויסקייט פונעם אויבערשטן און די וויכטיגקייט פון עבודת השם. די פערפעקטע מח דאס מיינט מקיים זיין קדושים תהיו.

דאס מאכט די קטורת אזוי ספעציעל. די אנגענעמע ריח וואס איז אריין אין מענטשנ'ס נשמה. נישט קיין חילוק וויפיל ער האט גע'חזר'ט די דינים פון קדושת המקדש און וויפיל ער האט געלערנט איבער די שיינקייט פון עבודת השם, קומט דאס נישט צו אבער צו די ריח וואס איז אריין אין זיין נאז און ערוועקט זיינע געפילן. די קטורת איז געווען א געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו קונה זיין דעת. דערפאר וואס די קטורת איז געווען אזא וויכטיגע עבודה האט מען געגעבן נאר איינמאל א געלעגנהייט פאר יעדן כהן אז אנדערע זאלן אויך קענען נהנה זיין פון דער געוואליגע זכי'ה.

## גשמיות און קדושה ארבעטן האנט און האנט

**דער** איבערשטער האט באשאפן דער פיזישער וועלט צו קענען ערגרייכן שלימות דורך שפירן די קדושה אין די וועזן צו קענען טראכטן ווי אזוי הקדוש ברוך הוא טראכט. איך וועל ברענגען נאך א ביישפיל: דער גמרא זאגט: "**אש אחד משׁשה מגיהנם**, פייער איז איין זעכציגסטל פון גיהנם (ברכות נ"ז ע"ב) פארוואס דארף אונז די גמרא דערציילן ווי אזוי גיהנם שפירט?

אז מיר זאלן זיך קענען צוגרייטן צו יענע וועלט. אויב איינער בריהט זיך אפ פון א הייסע טאפ זאל ער נישט סתם לויפן נעמען א באנדאדזש און זאלב צו בארוהיגן זיינע שמערצן נאר ער זאל אויסנוצן די געלעגענהייט אריינצוקלערן ווי אזוי גיהנם שפירט. אדער ווען ער בריהט זיך אפ זיין צינג פון א הייסע קאווע זאל ער טראכטן אז די גיהנם איז זעכציג מאל הייסער. 'כל הפוסק מדברי **תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין לו גחלי רתמים**', יעדער וואס שטעלט אפ דאס לערנען און רעדט אנדערע זאך, געבט מען אים צו עסן ברענעדיגע קוילן, (עבודה זרה ג, ע"ב) דער משל פון אש איז געגעבן געווארן פאר אונז צו שפירן אין אונזער וועזן וואס יענער וועלט איז. ס'איז נישט גענוג צו מסביר זיין ווי אזוי גיהנם שפירט נאר מען דארף עס אריינדרונגען אין אלע ביינער.

## נוצט אויס די געלעגענהייט

**ווען** מען נוצט אויס די געלעגענהייט אין די סביבה צו אנערקענען די הייליגקייט פונעם אויבערשטן ווי אזוי ער אנטפלעקט זיך אין זיין תורה, און דורכ'ן אים נאכמאכן זיינע טאטן, און אויך זיינע געדאנקען קענען מיר צוקומען צו די מאקסימום שלימות וואס מעגליך, און דאס איז דער באדייט פון קדושׁ. און ווען איר בויט זיך א תורה'דיגע דעת זענט איר מקיים די מצוה פון קדושים תהיו, מאכט אייך הייליג ווייל דער אויבערשטער איז הייליג. און ווי אזוי קענט איר צוקומען צו דעם 'כי קדוש אני', זייט אזוי הייליג ווי מיר, דורכ'ן טראכטן ווי מיר.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין**
און טוהן **חסד** מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:
**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

בס"ד

# מודעה

## לאור המצב,

היות די מקוה שטיבלעך זענען נישט געהעריג אפן די טעג.

אסאך פון אונזערע טייערע לייענער האבן נישט קיין צוטריט יעצט ארויסצופרינטען אונזער גליון,

קענט איר עס אויך לייענען אין די הערליכע קונטרס הגליונות לש"ק,

צו באקומען אין די גראסעריי'ס לענגאויס נא יארק, לעיקוואוד, קאנאדא, טאהש, ירושלים, בית שמש

**ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**



# זייט מוחל וועט דער אויבערשטער אייך מוחל זיין

## שאלה:
## איז וויכטיג צו זאגן די תפילה פון הרינו מוחל בעפאר קריאת שמע שעל המטה?

## תשובה:

**איך** זענט נישט מחויב, אבער אויב איך טוט עס איז עס א גוטער ביזנעס געלעגענהייט. אזוויי די גמרא זאגט: נושא עון ועובר על פשע, צו וועמען וועט דער אויבערשטער פארגעבן זיינע זינד? צו די וואס זענען עובר על פשע, צו די וואס פארגעבן אנדערע, (ראש השנה יז ע״א). אויב איך זענט מוחל די וואס האבן אייך שלעכטס געטון וועט דער אויבערשטער אייך מוחל זיין.

**דעריבער** לוינט זיך דער געשעפט.

אויב איך ווילט נישט זאגן הרינו מוחל מוזט איך נישט, אבער אויב איך זאגט עס, מוזט איך דאס אמת׳דיג מיינען. איך מוזט צולייגן מחשבה צו די ווערטער נישט נאר מורמלען די תפילה ווייל ס׳שטייט אין סידור, מיט דעם האט איך גארנישט אויפגעטון. איך דארפט אריינקלערן וואס איך זאגט.

איך זאלט טראכטן פון אייער מיטארבעטער אדער שכן וואס האט אייך באַ׳עוולט. און זיי מוחל זיין מיטן גאנצן הארץ.

**שאלות און תשובות**
מיט
ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### נדבת השבוע-פ׳ אחרי קדושים

נתנדב לע״נ רבי מרדכי יצחק בן יוסף ז״ל

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"